ליל שישי פרשת משפטים
כ"ה שבט תשפ"ב לפ"ק
01/27/2022

תוכן הענינים

צום פינטל
פון די חבריא
חיזוק געדאנקען
רעקאווערי שמועסן

מעלדונגען

לכבוד שבת קודש
מיר פרייען זיך ארויס שיקן די וועכנטליכע חיזוק אימעיל לתועלת הרבים.
מיר האלטן ערב שבת מברכים החודש אדר א'. עס הייבט זיך אן די חודשי השמחה. אין בין אדר ראשון לאדר שני. משנכנס אדר מרבין בשמחה. ידוע וואס צדיקים האבן געזאגט אויף "כי בשמחה תצאו", אז מיט שמחה קען מען ארויס גיין פון אלע צרות.
יאפ, פון אלע צרות יגון ואנחה וואס אונז גייען דורך, גייסטיש און פיזיש, צוליב אונזער תאוה - קען מען ארויס קריכן דורך זיך מחזק זיין מיט שמחה און האפאנונג.
האט איז הזמן גרמא. לאמיר זיך מיט כאפן, אריין שפרינגען און טוהן וואס מ'דארף פאר אונזער אייגענע טובה, טובה ברוחניות און טובה בגשמיות.

ווערטל

דבר והיפוכו
"די שמוציגסטע זאך איז א ריינע היסטארי ביים קאמפיוטער", וד"ל...
(קרעדיט: געטרייע איד ( %25D7%25A6-3/forum/com.hitdanoigen//:https=q?url/com.google.www//:https
%25D7%25A2%25D7%25A0%25D7%2598%25D7%25A8%25D7%2590%25D7%259C%25D7%25A2-
%25D7%25A4%25D7%259C%25D7%2590%25D7%2598%25D7%25A4%25D7%2590%25D7%25A8%
25D7%259E%25D7%25A2/280939-%25D7%25A2%25D7%25A0%25D7%2598%25D7%25A4%25D7
%25A2%25D7%25A8-%25D7%259E%25D7%2599%25D7%2599%25D7%259F-%25D7%2592%25D7
%25A2%25D7%25A9%25D7%2599%25D7%259B%25D7%2598%25D7%25A2%2521&sa=D&source
=hangouts&ust=1643397664794000&usg=AOvVaw14SMvZsQEm2bXqmHemtOzI ))

פון די חבריא

ווען ווערט א איד אפגעזיגלט?!
א איד האט ר״ל גע׳גנב׳עט און ווי די הלכה זאגט האט מען דעים איד פארקויפט אלטס א עבד פאר 6 יאר. נאך די 6 יאר גייט מען ארויס פריי, חוץ אויב מ׳זאגט 'אהבתי את אדוני', דער איד זאגט איך וויל בעסער זיין אן עבד ווי צי זיין אויף די פריי, דענמאלס מיז מען אים בויערן די אויער, און מ׳בלייבט עבד ביז יובל.
די טעם פארוואס מ׳בויערט די אויער זאגט רש״י איז ווייל די אויער וואס האט געהערט לא תגנוב און געגאנגען און גע׳גנב׳עט ברויך געלעכערט ווערן. איז אבער שווער, אז נאך די 6 יאר איז ער מער נישט קיין עבד פאר די ארגינעלע גניבה, אויב אזוי איז לכאורה שוין נישט שייך די טעם. אזוי אויך פארוואס האט מען נישט געבויערט די אויער גלייך ביים גניבה, ווייל דענמאלס האט מען זיך נישט צי געהערט צו לא תגנוב.
נאר ווייל אפילו ווען א איד איז ר״ל עובר אויף די מצות השם, קען דער יוד נישט אפגעזיגלט ווערן אלס א עובר אויף לא תגנוב, ביז ווען ער האט געהאט די אפערטונעטי צי ארויסגיין פריי. אבער ווען דער יוד זאגט איך וויל האלטען די סטעטויס אלטס עבד, דענמאלס האט דער יוד איינגעגיבן צום מצב און נאר דענמאלס קען מען ווערן אפגעזיגיגלט אלט׳ס עובר על דברי השם.
ווי לאנג א איד וויל נאך ארויסגיין הייסט איז מען נישט פארזיגלט אלטס עבריין!
(קרעדיט:holychaim ( D7%94%D7%9E%-D7%91%D7%99%D7%AA%-7/forum/com.hitdanoigen//:https
%D7%93%D7%A8%D7%A9/253313-%D7%A2%D7%A0%D7%98%D7%A4%D7%A2%D7%A8-%D7%9
C%D7%97%D7%99%D7%99%D7%9D%21%21%21#253313 ))

חיזוק געדאנקען

אראפ ברענגען א ערעפלאן צו א אפגעפארענע איד
אין יאר תש"ך, האט פאסירט א מורא'דיגע מעשה וועלכע איז דאן באקאנט געווארן איבער דער וועלט.
דערפיטסבורגער רבי, הרה"ק בעל "אמונת אברהם" זי"ע, איז געפארן קיין ניו יארק, באגלייט מיט אכט מקורבים.
אינמיטן וועג, האט דער עראפלאן זיך אנגעשטויסן אין שוועריגקייטן, און נישט האבענדיג קיין לופטפעלד ווי צולאנדען האט מען שוין אפילו געלאזט וויסן פאר די פאסאזשירן פונעם עראפלאן, זיי זאלן זיך גרייטן צום... ל"ע.
דער באשעפער האט אבער געהאלפן, און די לעצטע מינוט האט מען געטראפן אין דער געגנט א קליינעם לופטפעלד,און דער עראפלאן דארט געלאנדעט. פון דארט, זענען די פאסאזשירן געפארן קיין אמעריקע מיט אן אנדערןעראפלאן.
אראפקומענדיג פון עראפלאן, איז שוין געווען דער "זמן תפילה", און דער רבי האט געזוכט אן ארט צו דאווענעןאויפ'ן לופטפעלד.
זיינע מקורבים זענען צוגעגאנגען צו איינעם פון די ארבעטער אויפ'ן לופטפעלד, און איהם געפרעגט וואו עס איז דא אן ארט צו דאווענען. באלד ווען ער האט געהערט זייער פראגע, האט דער ארבעטער אויפ'ןלופטפעלד גע'חלש'ט... ווען ער איז געקומען צו זיך, האבן זיי איהם געפרעגט אויף די סיבה פון זיין חלשות.
האט דער פארשוין זיי דערציילט, אז כאטש ער זעהט ליידער אויס ווי א גוי גמור רח"ל, איז ער א איד, "פון א היימישעשטוב", זיינע חסיד'שע עלטערן האבן געוואוינט אין דער וויליאמסבורג געגנט... ליידער איז ער אבער אראפ פון אידישן וועג רח"ל, ביז ער איז פארוואגלט געווארן אויף דעם ארט, צווישן גויים גמורים, וואו ער האט ליידערנישט קיין שייכות מיט אידישקייט.
דערציילט ער ווייטער, אז נעכטן אווענט, ווען ער איז איינגעשלאפן, האט ער געזעהן זיין טאטן אין חלום, אונדער טאטע האט פון איהם געפאדערט ער זאל זאגן נאך איהם "קדיש", ווייל היינט איז זיין יארצייט... "האב איך געזאגט צו מיין טאטן, טאטע זיסער... וואס וועט דיר שוין צוגעבן מיין קדיש, אין מיין שוואכן מצב אין אידישקייט?..."
דער טאטע האט זיך אבער געהאלטן ביים זייניגן, אז ער נויטיגט זיך אין א קדיש לטובת נשמתו. "האב איך איהםווייטער געפרעגט, ווי אזוי קען איך זאגן קדיש דא, ווען איך געפין זיך אין א ווייטן ארט אן קיים שום אידישן נפש אין געגנט?!". האט דער טאטע איהם געענטפערט: "און אז איך וועל דיר שיקן א מנין אידן צו דאווענען דא,וועסטו זאגן קדיש?!". האב איך איהם געענטפערט, "יא!".
דער איד האט אויסגעפירט, אז צוליב דעם איז ער געווארן אזוי איבערראשט ווען ער האט געזעהן 9 פרומע אידן וואס זענען דא ווי "אראפגעפאלן פון הימל"... אטהאט זיין פאטער איהם געשיקט א מנין אידן, כדי ער זאל קענען זאגן קדיש נאך איהם... דער סוף איז געווען, אז יענער פארשוין האט דערנאך תשובה געטוהן, און זיך אומגעקערט צו זיין ערליכן שטאם.
*
לאמיר זיך, אלזא, מתבונן זיין אביסל אין דער דאזיגער מעשה. פארוואס איז יענער, וואס איז שוין געווען אזוווייט פון שמירת התורה והמצוות, נתעורר געווארן? דאס איז דאך געווען נאר דערפאר ווייל ער האט איינגעזעהן,אז כאטש ער איז אינגאנצן אויסגעריסן און אזוי נידעריג ברוחניות, האט זיין "קדיש" נאך אלץ א חשיבות אין הימל,אויף אזוי ווייט, אז זיין טאטע האט זיך באוויזן צו איהם פון הימל, זיך צו בעטן ביי איהם ער זאל זאגן קדיש נאךאיהם.
"לדידן יאמר"! עס איז א לימוד פאר אונז אלע, ווי ווייט מיר דארפן נתעורר ווערן ווען אונזער גרויסער ליבערטאטע אין הימל, פאדערט פון אונז: "שובו בניםַ שובבים". און אפי' ווען מיר האבן זיך ליידער אזוי דערוויטערט, קוקט ער ארויס אויף יעדע גוט זאך וואס מיר וועלן טוהן. יעדע "קלייניגקייט" פון אונזער זייט, איז אויסערגעוועהנליךחשוב און באליבט ביי דעם אויבערשטען ברוך הוא.
(קרעדיט: באר הפרשה - וארא)

רעקאווערי שמועסן

חברים דערציילן: בעפאר און דערנאך
אונזער חבר: אחכה לו
ביים סייט: זייט ד' אדר ב' תשע"ט
ריין: 209 טעג, איין טאג אויפאמאל
ווען איך בין געווען אין אקטיוו אדיקשאן האב איך געלעבט מיט שרעקליכע פעין יעדן אייציגסטן טאג, אויף א אופן וואס איז נישט שייך ארויסצוברענגען. ווען איך קוק איבער היינט מיין 12 זייטיגע סטעפ 1 ריפארט וואס איך בין אלץ אריבער, און צו וואס מיין אדיקשאן האט מיך אלץ געפירט, קען איך בלויז וויינען.
עס איז געווען א דאבעל לייף, א לעבן פון שרעק און ווייטאג אויף אלץ און אויף אלעמען. איך פלעג נישט האבן קיין ברעקל גדולד צו מיין ווייב (אפי' ווען זי האט מיר צוגעשטעלט פת בסלו) און אויך נישט צו מיינע אומשולדיגע קינדערלעך.
אזוי איז אריבערגעלאפן אסאך צייט, און איך וואלט נישט געוואלט אריינגיין אין קיין פרטים פון די אדיקשאן, אבער ס'געווען זייער ביטער, פינטל.
מיין זיסע ליבע פאטער אין הימל האט מיך אבער אפגעשוינט, און מיך אריינגעפירט צו לייוו מיטינג'ס אין ריקאווערי, און איך האב אנגעהויבן ארבעטן די 12 סטעפס מיט א ספאנסער, און שפעטער עס איבערגעארבעט מער גרינטלעך מיט א צווייטע ספאנסער, און דאן איז די נס געשעהן.
איך בין געווארן אויסגעהיילט.

עס האט מיר אויפגעהערט צו ציען, איך בין געווארן א פרייע מענטש. איך האב אנגעהויבן קענען גיין אויפן גאס ווי א נארמאלע מענטש, און איך האב אנגעהויבן קענען גיין צו שמחות נארמאל, און לעבן א נארמאלע געזונטע משפחה לעבן.
מיין קשר צום אויבערשטן איז געווארן אזוי זיס און שטארק, אז די הנאה דערפון האט איבערגעוואויגן די הנאה וואס איך פלעג באקומען פון די אדיקשאן, און ס'איז ווי די נארישע הנאה פון א רימאוט קאר אין דער צייט וואס מען דרייווט א עכטע קאר.
איך האב נישט געגלייבט אז ס'וועט אמאל געשעהן, איך בין דאך אנגעשטעקט מיט א טויטליכע שרעקעדיגע דיזיס, אבער זעהט אויס אז די סטעפס ארבעט ארבעט עס, און אזוי ווי עס איז געווען ביי מיר.
איך וואלט נישט אויפגעטוישט מיין שוואכסטע מינוט פון מיין היינטיגע לעבן, פאר מיין בעסטע מינוט אין מיין אמאליגע לעבן.
היינט ארבעט איך יעדן טאג די סטעפס, ווייל איך ווייס אז ווען איך הער אויף, וועל איך מיך זייער שנעל טרעפן צוריק אין באד אריין. איך גיי יעדן טאג צו מיטינגס, און איך זוך מיט לעכט ווי איך קען העלפן אנדערע, און די טראגן די מעסעדזש פון ריקאווערי ווייטער צו די עדיקטס וואס ליידן נאכאלץ.

פאר סיי וועלכע הערה/הילף, אדער צו מנדב זיין אן אימעיל (וואס ווערט געשיקט צו איבער 1000 אדרעסן) און האבן דעם געוואלדיגן זכות צו זיין ממזכי הרבים, ביטע ריפלייען צו דעם אימעיל

דאונצולאודן אונזער "האנטבוך" דריקט דא ( http://guardyoureyes.com/live/ebooks?task=callelement&format=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download )
זיך אראפצוסיינען פון די אימעילס